ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת מקץ

---

### מקץ (א)

פרשת מקץ עפענט זיך מיט די ווערטער "ויהי מקץ" - עס איז געווען די ענדע. די ענדע פון יוסף הצדיק'ס זיצן אין תפיסה. נישט נאר איז יוסף ארויס פון תפיסה, נאר יוסף הצדיק איז אויך געווארן דער משנה למלך פון גאנץ לאנד מצרים. אן זיין רשות האט מען ניט געטארט טאן קיין שום זאך - "בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו" (אויסער דיר, זאל קיינער ניט אויפהויבן זיין האנט און פוס).

יוסף'ס זיצן אין תפיסה און אין מצרים בכלל איז א משל אויף יעדן אידן אין גלות. מען דארף וויסן אז מיר זיינען ניט אייביק ח"ו אין גלות. באלד קומט "מקץ" - דער ענדע פון גלות און דער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו.

אבער אפילו ווי לאנג מיר געפינען זיך אין גלות דארפן מיר זיך לערנען פון יוסף הצדיק אין מצרים. דער יצר הרע קומט צו אידן אין גלות און רעדט עם איין צו שפילן אנשטאט לערנען, צו עסן א ניט כשר'ע קענדי אאז"וו. ווען דער בית המקדש איז געשטאנען דארף מען טאן די עבודה. ווען דער בית המקדש וועט במהרה בימינו ווערן צוריק אויפגעבויט, וועט מען ווייטער טאן די עבודה. אבער דערווייל אין גלות דארף מען ניט זיין אנדערש פון די גוים. ווי קען מען טאן ניט ווי די גויים הייסן?

א אידיש קינד, א מיטגליד אין צבאות השם, דארף געדיינקען אז ער איז ווי יוסף הצדיק. ער איז א משנה למלך. ער איז ניט סתם איין קליינער איד צווישען מיליאנען גוים, נאר ער איז א בעל הבית איבער זיי. ער איז א סאלדאט אין השם'ס ארמיי און טוט וואס דער קאמאנדיר אין טשיף, דער אויבערשטער, הייסט. ער איז א משנה למלך און דארף פון קיינעם ניט מורא האבן.

ווען צבאות השם וועלן זיך האלטן שטארק און שטאלץ אין גלות, טאן נאר וואס דער קאמאנדיר אין טשיף וויל, און ניט וואס דער יצר הרע וויל, וועט אין גיכן קומען דער "מקץ" פון גלות. עס וועט קומען די ענדע פון גלות און משיח "נאו".
(משיחת נר ה' דחנוכה תשמ"ג - לצבאות השם)

### מקץ (ב)

אין אנהויב פון פרשת מקץ, און אזוי אויך אין דער פריערדיקער סדרה, וישב, דערציילט די תורה וועגן חלומות; דער חלום פון יוסף'ן, די חלומות פון שר המשקים און שר האופים (אין פרשת וישב) און דער חלום פון פרעה'ן (אין פרשת מקץ).

די אלע חלומות זיינען געווען סיבות וועלכע האבן געבראכט צו גלות מצרים - דער שרש פון אלע גליות. אזוי ווי אלע ענינים זיינען בהשגחה פרטית, ממילא איז פארשטאנדיק, אז דער מסובב - גלות, האט א שייכות און איז ענליך צום סיבה - חלום.

די שייכות פון גלות צו חלום ווערט ערלקערט אין ספר תורה אור. א חלום נעמט זיך פון כח המדמה (פארשטעלונגס-קראפט), וועלכע פאראייניגט צוויי קעגענזאצן צוזאמען (ביז אפילו "פילא בקופא דמחטא", אן עלעפאנט אין אן אויער פון א נאדל. אויב ער האט נאר פריער געטראכט וועגן דעם).

אזוי אויך אין דער צייט פון גלות. עס דוכט זיך עם אויס אז ער האט ליב דעם אויבערשטן, און פונדעסטוועגן האט ער ליב זיין אייגענעם גוף. ווען ער דאווענט איז ער מחליט מיט אן *אמת* אז ער וועט זיך נאכ'ן דאווענען פירן ווי דער אויבערשטער וויל, און גלייך נאכ'ן דאווענען זעצט ער זיך עסן צוליב זיין אייגענעם הנאה און ער ליגט אין תאוות, ביז אז ער קען אפילו עובר זיין אויף דעם אויבערשטענ'ס רצון. די צוויי געפילן פון ליב האבן דעם אויבערשטן און ליב האבן זיך אליין, קענען גלייכצייטיג ניט געמאלט זיין. דער גלות איז אבער ווי א חלום וואס פאראייניגט צוויי קעגענזאצן צוזאמען.

אזוי זאגן מיר אין שיר המעלות פאר'ן בענטשן: "שיר המעלות בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים". ווען דער אויבערשטער וועט אונז אומקערן קיין ארץ ישראל ווען משיח וועט קומען, וועלן מיר פארשטיין אז מיר האבן זיך געפירט אין גלות ווי אין א חלום. מיר האבן מיט אן אמת געדאווענט, געלערנט און געטאן מצוות, און מיר האבן אויך שפעטער זיך עוסק געווען אין תענוגי הגוף.

(לקו"ש ח"א ע' 85)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"